Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 20 גראשען | הײַנט 10 זייטען.

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

№ 266 | Łódź, Niedziela 17 listopada 1929 r. | [illegible] יאהרגאנג | לאדז זונטאג, יד מרחשון תר״צ | 266

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71 | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 224-71

Dnia 15-go listopada b. r. w nieszczęśliwym wypadku zginął w Warszawie nasz najukochańszy i nieodżałowany

B. P.

# Dr. MARCELI BARCIŃSKI

PRZEŻYWSZY LAT 48.

Wyprowadzenie zwłok z domu przedpogrzebowego na miejsce wiecznego spoczynku nastąpi dziś, w niedzielę, 17-go b. m. o godz. 12-ej na cmentarzu żydowskim w Łodzi.

O strasznym tym ciosie zawiadamiają, pogrążeni w nieutulonym żalu

**żona, synowie, rodzeństwo i rodzina.**

Uprasza się o nieskładanie wizyt kondolencyjnych.

---

Dnia 15-go b. m. zmarł tragiczną śmiercią w Warszawie w sile wieku

B. P.

# Dr MARCELI BARCIŃSKI

**Radca Izby Przemysłowo-Handlowej w Łodzi.**

W zmarłym Izba traci dzielnego i wybitnego działacza na polu gospodarczem.

Cześć Jego pamięci!

**Izba Przemysłowo-Handlowa w Łodzi.**

# א בלוטיגער רויב־אנפאל

(2) אויף אל. 1 מאי 23 אויפ׳ן 3. שטאק וואוינט ר״ר יאקוב היימאן. נעכטען ביינאכט פאר 11 זענען צו איהם געקומען זיין ברודער יוזעף און פרוי, וועלכע וואוינען אויף מאולטשאנסקא 241.

ארויפגעהענדיג אויף די טרעפ, האבען זיי בעמערקט אז אימיצער נעהט זיי נאך. ווען זיי זענען שוין געווען ביי דער טיר, איז דאבען נעוואלט אנקלינגען, איז דער אומבעקאנטער צוגעשפרונגען צו יוזעף היימאן און דראהענדיג איהם מיט א רעוואלווער געפאדערט, אז ער זאל איהם ארויסגעבען דאס געלד. יוזעף היימאן האט זיך גענומען ווערען געגען דעם באנדיט. יענער האט אויסגעשאסען און פערוואונדעט היימאנען אין האלז.

אויף דער שיסעריי זענען ארויסגעלאפען דער דאקטאר און די שכנים פון הויז, וועלכע האבען גענומען נאכיאגען דעם באנדיט, מ׳האט איהם אבער נישט געכאפט. דעם פערוואונדעטען האט מען אריינגעטראגען אין הויז. פון זיין ברודער און ווען דער דאקטאר האט איהם ערטיילט די ערשטע הילף איז ער געקומען צו זיך און ערקלערט, אז דער באנדיט האט געטראגען א פילצענעם הוט און א ברוינעם פאלטא.

די פאליציי זוכט דעם באנדיט.

# די הייליגע ערעפענונג
## פון דער ווארעם-שטוב ביי בית-לחם

היינט, זונטאג, 5 אווענד, ווערט געעפענט ביים פאראיין „בית-לחם" די ערשטע ווארעם-שטוב פאר ארימע קינדער פון די יודישע פאלקס-שולען.

וועגען דער וויכטיגקייט פון א ווארעם שטוב פאר די יודישע קינדער פון דער יודישער ארימקייט איז איבעריג צו רעדען. דער פאריאהריגער ווינטער מיט די גרויזאמע פרעסט האט גענוג איבערצייגט אין דער דרינגענדער נויטווענדיגקייט פון אזא ארט ווארעם-שטוב. די קינדער וועלען אין דער ווארעם-שטוב געפינען א געמיטליכע סביבה, א ווארעמע היים, וואו זיי וועלען אונטער דער אויפזיכט פון לעהרער און לעהרערינס מאכען די לעקציעס, עסען א ווארעמען אווענד-ברויט, פון צייט צו צייט וועלען געהאלטען ווערען פארלעזונגען, געשפרעכען מיט די קינדער, קורץ די ווארים-שטוב וועט פאר די קינדער זיין א ליבליכע היים.

מען דארף האפען, אז דאס יודישע לאדז וועט אונטערשטיצען די וויכטיגע אונטערנעהמונג און ארויסווייזען מיטהילף אזוי, אז די פליכטען, וואס בית לחם האט אויף זיך גענומען זאל אויסגעפיהרט און פערברייטערט ווערען.

מיר ווענדען זיך גלייכצייטיג צו אינזערע כלל-טוער און צו אלע וועמען דער וואויל פון די קינדער איז נאהנט, צו קומען צו דער פייערליכער ערעפענונג.

די ווארים שטוב-קאמיסיע ביי בית לחם
ווסכאדניא 68|70.

**Dr. H. WOŁKOWYSKI**

צעגעלניאנא 25, טעל. 126-87

ספעציעל ארצט פאר הויט= און ווענערישע קראנקהייטען, מענער = שוועכע, אלע צרס אנאליזען, בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען

נעמט אן פון 8-2 נ.מ. און פון 5-9 אוו.

# פראצעס וועגען מיסברויכען

מיט א פאר חדשים צוריק האט דער לאסקער פאזיאטאווע אינספעקטאר ה׳ יאן וואיטאוויטש בעקומען א ידיעה, אז אין גמינע לאסק ווערען אפגעגעבען מיסברויכען. ה׳ ווי א יעשש האט דורכגעפיהרט א קאנטראל און טאקע פעסטגעשטעלט א גאנצע ריה מיסברויכען. און צוזאמענהאנג דערמיט האט מען ארעסטירט דעם וואיט סטאניסלאוו פירקא און זיין סעקרעטאר יוזעף וואלטשאקאווסקי. בעת דער אויספארשונג און דעם ענין זענען אויסגעהערט געווא־

רען 115 עדות. אינוואוינער פון לאסק, וועלכע האבען א נגעצאהלט שטייער, נאר דער שטייער איז נישט אריינגעפאלען אין דער שטעטישער קאסע, נאר אין די טאשען פונ׳ם סעקרעטאר. די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז שולדיג איז דער סעקרעטאר וואלטשאקאווסקי, וועלכער איז אויך פערמשפט געווארען אויף א יאהר טורמע. דער וואיט פירקא איז פריי געווארען.

# פראטעסט פון קליינהענדלער געגען דער „עגלה"

די טעג איז פארגעקומען א פראטעסט-פערזאמלונג אין צענטראלע פון קליינהענדלער־פאראיין וואַרשע. אין עס זענען בעשלאסען פון מאגיסטראט איינצופיהרען די „עגלה". ה׳ מנחם קירשבוים רעפערירט וועגען דער איצטיגער ווירטשאפטליכער לאגע אין לאנד און קומט צום אויספיהר, אז דער לאדזער מאגיסטראט דארף נעמען אין אכט דעם הערשענדען קריזיס און דארף נישט אדורכפיהרען אין לעבען דעם „עגלה"־בעשלוס. דער רעדנער רופט די פערזאמלטע צו פראטעסטירען און שיקען א דעלעגאציע צום פרעזידענט און איבערגעבען דעם פראטעסט און גלייכצייטיג איבערגעבען א מעמאריאל וועגען דער לאגע פון די קליינהענדלער.

צום סוף ווערט אנגענומען א שארפע פראטעסט-רעזאלוציע, וועלכע פאדערט אפצושאפען דעם סיסטעם פון דער „עגלה".

# קאנטראלע איבער לעבענס-מיטלען

(—) נעכטען איז אין דער וואיעוואדזטווע פארגעקומען א קאנפערענץ, אין וועלכער ס׳האבען אנטייל גענומען דער פראפעסאר פון דער ווארשאווער פאליטעכניק איוואנאווסקי א. א.ג. וועגען איינשטעלען אין לאדז דאס פרובירן פון ברויט-קוואליטעט. ס׳איז בעשלאסען געווארען באלד ווי ס׳וועלען דערהאלטען ווערען די ענטשפרעכענדע קרעדיטען פון אינערן-מיניסטעריום, זאל דאר אמט פאר פרובען די לעבענס-מיטלען אין לאדז, אנהויבען די אקציע.

# שטאטישע בודזשעט-קאמיסיע

אינ־ערן אין פון ראט. אינדזשעטשאק איז פארגעקומען א זיצונג פון דער בודזשעט און פינאנץ-קאמיסיע. נאך א לענגערער דיסקוסיע זענען צוגעגרייט געווארען א ריהע פארשלאגען, וועלכע וועלען אריינגעטראגען ווערען אויף דער פלענאר-זיצונג פון שטאט-ראט.

**NAJWIĘKSZA MIEJSCOWOŚĆ LETNISKOWA POD ŁODZIĄ**

Kilka tysięcy parcel leśnych, przeznaczonych do użytku najszerszych, nawet mało zamożnych warwstw, stanowi rozległe

**MIASTO — LAS (NAJWIĘKSZE KLIMATYCZNE LETNISKO)**




Działka posiada 1.000 metrów kwadr. obszaru, w cenie po **30** do **85** gr. za 1 metr kwadr. Przy kupnie na raty nabywca wpłaca 25 proc. należności, pozostała zaś reszta rozłożona zostaje do 2-ch lat.

TERENY LETNISKOWE MAJĄTKU SOKOLNIKI położone są o 16 klm. od Łodzi, 8 klm. od miasta Ozorkowa, 7 klm. od miasta Zgierza, 1 i pół od linji tramwajowej Łódź—Ozorków (przystanek tramwajowy Emilja). Jest to prawie że jedyna miejscowość w okolicach m. Łodzi o wybitnych warunkach zdrowotnych. CAŁA POKRYTA JEST LASEM SOSNOWYM. Warunki komunikacyjne ze względu na linję tramwajową Łódź—Ozorków, dobre. Z chwilą powstania letnisk tramwaj będzie przechodził przez tereny letniskowe. Warunki aprowizacyjne idealne.

Zarząd dóbr **SOKOLNIKI** sprzedał już dotąd kilka tysięcy działek. Pozostała niewielka już ilość jest jeszcze do nabycia w biurze sprzedaży.

**ZAWADZKA № 16-a (róg Wólczańskiej) TEL. 127-52 i 169-44**

w godzinach od 9 rano do 2 po poł. i od 4 po poł. do 8 wiecz.

